בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פָּרָשַׁת בֹּא**

תשפ"ה

378

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיז דָא עֶפֶּעס הֶעכֶערְס וִוי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?..........א
וִוי אַזוֹי פְּרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה?..........ג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַ מְלַמֵד מוּז גֵיין אִין מִקְוֶה..........א
דִי שׁוּלֶע דַארְף זַיין אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט רִיכְטִיג..........א
אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אוֹיסְלוֹיבְן, וֶועט אַוֶועקְגֵיין אַלֶע מַחְלוֹת..........ב
אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער..........ג
גֶעבּ דִי חַיִים טוֹבִים פַאר אַנְדֶערֶע, וֶועט עֶס בְּלַייבְּן אוֹיךְ בַּיי דִיר..........ג
וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי?..........ה
דִי בָּחוּרִים זָאלְן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אָנְגֶעטוּן אֵיידְל..........ז
דַאוְונֶען מִיט מִנְיָן, אוּן גֵיין צוּם דַיָין'ס גְמָרָא שִׁיעוּר..........ז
וואוֹין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ דוּ הָאסְט מִנְיָן שַׁבָּת אוּן וָואכְן..........ח
זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן צוּרִיק דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת..........ט
אוֹיסְלֶערְנֶען א' ב' נָאר לוֹיט דִי מְסוֹרָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים..........יא
פַארְפֶעלְן אֵיין שָׁעָה פוּן עִבְרִי כִּתָּה, קֶען זַיין אַ בְּכִיָה לְדוֹרוֹת..........יח
דֶערְצֵייל מִיר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִי תַּלְמִידִים..........יח
זֶע אַז דִי גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ זָאל זַיין צַייטְלִיךְ..........יט

וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?.................. יט

אַ קוּרְצֶע קְלֵיינֶע קַאפִּיטְל בְּרֶענְגְט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע נִיסִים..................כא

וָואס נֶעמְט אַ נְשָׁמָה מִיט פוּן דִי וֶועלְט?..................כב

נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, בַּיים דַאוֶּוענֶען..................כב

לְכָבוֹד שׁוֹבָבִי"ם, גֶעב אַ קוּשׁ דִי מְזוּזָה..................כג

דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין שִׂמְחָה..................כד

רֵייכֶערְט נִישְׁט..................כה

דִי קִינְדֶער מוּזְן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי..................כה

אָפְּגֶעשׁוֹיְרְן דִי הָאר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ..................כו

דָאס בִּיסְל זִיצְן אִין יְשִׁיבָה, וֶועט דִיר הֶעלְפְן פַארְן לֶעבְּן..................כז

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל מִיט גְרוֹיסֶע סְכוּמִים..................כז

אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ שְׁמֵייכְל אִיז אָנְשְׁטֶעקִיג..................כח

וַוארְטְן אוֹיפְן בָּאס אִין דִי פְרָאסְטִיגֶע קֶעלְט..................ל

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קָאמְפֶּעטִישָׁאן..................ל

וָואס נֵייעֶר אוּן וָואס פְרִישֶׁער..................לא

אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דַיין יְשׁוּעָה..................לב

דִי צְוֵוייטֶע שְׁטִיבְל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ..................לב

אוֹיפְבְּרֶעכְן דִי אַייז אִין הַארְץ, אוּן זִיךְ טוֹבֵל'ן..................לג

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיינֶע אוֹיגְן זֶעֶנעֶן אַזוֹי פַארְשְׁמִידְט..................לד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיז דָא עֶפֶּעס הֶעכֶערְס וִוי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין לֶעצְטְנְס גֶעוֶוען עֶרְגֶעץ, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס הֵייסְט אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִיד, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַבִּיסְל בַּאטְרַאכְט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶר זֶעט טַאקֶע אַז זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה 'אִיז דָא עֶפֶּעס הֶעכֶערְס פוּן דֶעם, וָואס אִיז מִיט אַבִּיסְל הֶעכֶערְקֵייט?' עֶר הָאט מִיר אוֹיךְ גֶע'מוּסַר'ט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

עֶר הָאט בַּאוִויזְן מִיר צוּ צֶעמִישְׁן פַאר אַבִּיסְל, אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ קֶען זָאגְן 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער'"; וָואס אִיז שַׁיָּיךְ הֶעכֶער פוּן דֶעם? אַרוֹיסְצוּזָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע רְצוֹנוֹת, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אָבֶער טַאקֶע מַמָּשׁ יֶעדְן טָאג אַרוּמְשְׁפַּאצִירְן אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַ מִילְיָאן מָאל 'אַשְׁרֵינוּ'.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאכְסְט מִיךְ שְׁמֵייכְלֶען, דֶערְמַאנְסְט מִיר וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן,

ווי די זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן די לְשׁוֹנוֹת 'עֶס אִיז דָא הֶעכֶערְס וְכוּ' וְכוּ', 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז טַאקֶע גוּט, אָבֶער עֶס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב מֶער שְׁפִּיצִיגֶע, מֶער עוֹבְדִ"ישֶׁע'; אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיידֶער מַיין הִתְקַרְבוּת בַּיי חֲבוּרוֹת פוּן עוֹבְדִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַּארְזוּכְט די הוֹיכֶע פְלִיעֶדִיגֶע דִמְיוֹנוֹת, אַזוֹי אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ פַּארְזוּכְט פוּן מוֹהֲרַנְ"ש די פָשׁוּט'עֶ וֶועג, די פָּשׁוּט'עֶ דִיבּוּרִים - הָאט מֶען מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַּארְנַארְן.

וָואס אִיז דָא הֶעכֶער פוּן טְרַאכְטְן אֱמוּנָה? וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ; נָאךְ זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, נָאךְ זַיינֶע תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים: "וָואלְט אִיךְ גֶעוואוּסְט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט די עֲבוֹדוֹת".

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "שֶׁעִקַּר מַה שֶּׁהִגִּיעַ לְמַדְרֵגָתוֹ, הוּא רַק עַל יְדֵי עִנְיַן 'פְּרַאסְטִיק'", דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט, "שֶׁהָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה וּמֵשִׂיחַ הַרְבֵּה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאָמַר תְּהִלִּים הַרְבֵּה בִּפְשִׁיטוּת", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, "וְעַל יְדֵי זֶה דַיְקָא הִגִּיעַ לְמַה שֶּׁהִגִּיעַ", אוּן נָאר אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ, וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ די גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): "אַי אַי פְּרָאסְטִיק", עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּענְקְט צוּ די גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט, "גַּם אָמַר", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "שֶׁדִּבֵּר עִם כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים", עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, "וְאָמְרוּ גַּם כֵּן", זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט די זֶעלְבֶּע זַאךְ, "שֶׁלֹּא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם", זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, "כִּי אִם עַל יְדֵי עִנְיַן פְּרָאסְטִיק", נָאר דוּרְךְ די פָּשׁוּטֶ'ע עֲבוֹדָה, "שֶׁעָסְקוּ בַּעֲבוֹדָתָם בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶ'ערְהֵייט, אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן,

"וְעַל יְדֵי זֶה הִגִּיעוּ לְמַה שֶּׁהִגִּיעוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם", און נָאר אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, וואוּיל אִיז זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי פְּרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דֶעם גוּטְן לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט און גֶעלֵיינְט אַלְס בָּחוּר.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן צַייט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי אַלֶע חִיזּוּק און עֵצוֹת צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין דָא, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען יֶעצְט מְקוּרָב פוּן פְּרִישׁ? וואוּ אִיז פַארְשְׁווּנְדְן גֶעוָוארְן מַיין חַיּוּת און גֶעשְׁמַאק אִין אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת און אִין אַ בְּלַאט גְמָרָא? אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאנֵייעֶן און זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן צוּ לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ, צוּ מְסַיֵּים זַיין נָאךְ אַסַאךְ מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען פוּן פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב): "וְאַחַר כָּךְ

כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר, וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווערט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, ווי נֶענְטֶער עֶר קוּמְט צוּם צַדִּיק - אַלְץ מֶער ווערְט בַּיי אִים פַארְלָאשְׁן דִי חֵשֶׁק; אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה דֶעמָאלְט ווערְט מֶען דָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם צַדִּיק, דַארְף מֶען פוּן פְּרִישׁ מְקוֹרָב ווערְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עַל פִּי רוֹב הָאבְּן בָּחוּרִים אַ גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל זֵיי דַארְפְן דִי חִיזוּק, אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה - דַארְף מֶען פְּרִישׁ מְקוֹרָב ווערְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם צַדִּיק אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק.

וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִּיל, דָאס וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עו): "הַמַּתְחִיל לַעֲבֹד אֶת ה'", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר לוֹ", זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "יוֹדֵעַ אֲנִי, שֶׁחֶפְצְךָ וּרְצוֹנְךָ לַעֲבֹד אוֹתִי", אִיךְ וֵוייס אַז דַיין ווילְן אִיז מִיךְ צוּ דִינֶען, "אֲבָל מַה הוּא הַבְּטוּחוֹת, שֶׁמָּא לְמָחָר תַּעֲזֹב אוֹתִי", אָבֶּער ווי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, "אִם כֵּן אֵיךְ אֲקָרֵב אוֹתְךָ בִּשְׁבִיל הָרָצוֹן שֶׁרָצִיתָ, וְאֵיךְ אֲגַלֶּה לְךָ תֵּכֶף דְּבָרִים נִסְתָּרִים", אִיז ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר אַנְטְפְּלֶעקְן דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אֶלָּא כֵּן תַּעֲשֶׂה", זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, "בִּתְחִלָּה אֱהַב אוֹתִי כָּךְ וְתַעֲשֶׂה מִצְווֹתַי", הוֹיבּ אָן מִיךְ דִינֶען אוּן טוּן מַיינֶע מִצְוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַמִּצְוָה", אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, "וַעֲבֹד אוֹתִי פָּשׁוּט בְּלֹא חָכְמוֹת", דִין מִיךְ פָּשׁוּטֶ'ערְהֵייט מִיט תְּמִימוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת, "וּכְשֶׁתַּעֲבֹד אוֹתִי כַּמָּה זְמַנִּים", אוּן אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ אַזוֹי דִינֶען, אֲפִילוּ אָן קַיין טַעַם, אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, "אֲזַי אַאֲמִין לְךָ וַאֲגַלֶּה לְךָ טַעַם וְשֵׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וְדָבָר", וֶועל אִיךְ דִיר אַנְטְפְּלֶעקְן דִי טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת אוּן דִיר גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן אַ גֶעפִּיל, "וַאֲקָרֵב אוֹתְךָ בְּכָל מִינֵי הִתְקָרְבוּת", אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין מִיט אַלֶע סָארְט הִתְקָרְבוּת, "כִּי הַזְּמַן הָרַב שֶׁעֲבַדְתָּ אוֹתִי מִקֹּדֶם הוּא בְּטוּחוֹת, שֶׁלֹּא תַּעֲזֹב אוֹתִי [הֵן אֱמֶת]", וַוייל אִיךְ זֶע אַז דוּ דִינְסְט מִיךְ מִיט אַן אֱמֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ מְלַמֵּד מוּז גֵיין אִין מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מְלוּמְדוּת אִיז אַ חָכְמָה, פוּן אֵיין זַייט דַארְפְן דִי קִינְדֶער לִיבּ הָאבְּן חֵדֶר, אוּן עֶס דַארְף זִיךְ שְׁפִּירְן אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין כִּתָּה, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין, דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיצְן שְׁטִיל, יֶעדֶער אוֹיף זַיין פְּלַאץ אָן אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט; אַז דִי צְוֵויי זַאכְן זָאלְן גֵיין אִינְאֵיינֶעם - אִיז אַ חָכְמָה, אוּן מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס, גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד, זָאלְסְט טוּן דַיין אַרְבֶּעט בְּנֶאֱמָנוּת; גֶעבְּן פַּאר דַיינֶע תַּלְמִידִים דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָּיךְ.

אַ מְלַמֵּד מוּז גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיךְ נֶעם זִיךְ אוֹיס אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי - קֶען מֶען נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר אַ מְלַמֵּד. הֱיוֹת אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ קוּק נִישְׁט נָאךְ, פַארְלַאנְג אִיךְ מֶען זָאל זַיין אָפְן מִיט דִי מוֹסָד.

...

## דִי שׁוּלֶע דַארְף זַיין אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט רִיכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי ״בֵּית פֵיגָא״ אִין

מָאנְרָא. דִי טִיטְשֶׁערְס דַארְפְן דָארְט אַסַאךְ חִיזוּק, מֶען דַארְף דָארְט מְסַדֵר זַיין דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן צוּגַאנְג.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערֶעס צוּ הָאבְּן נָאךְ אַ סְקוּל כְּאִילוּ בֵּית פֵיגָא; אָדֶער שְׁטֶעלְט מֶען צוּרִיק דִי שׁוּלֶע וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָדֶער דַארְף מֶען דָאס פַארְמַאכְן וִוי שְׁנֶעלֶער.

אִיךְ וִויל הֶערְן פוּן דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם.

...

## אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, וֶועט אַוֶועקְגֵיין אַלֶע מַחְלוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בּוֹי צוּרִיק אוֹיף דַיין וַוייבּ, עֶס אִיז נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן וָואס מֶען הָאט מִיר אִיר גֶעטוּן, מֶען הָאט אִיר אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְנִידֶערְט; פוּן דֶעם אַלֵיין, פוּן אִיר הַאקְן אִין קָאפּ אַז זִי אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, פוּן דֶעם אִיז זִי נֶעבֶּעךְ אַרַיין אִין דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט עֶסְן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בּוֹי אִיר אוֹיף, זִי אִיז אַ קְלוּגֶע פְרוֹי אוּן אַ עֶרְלִיכֶע פְרוֹי; זָאלְסְט אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אִיר נִישְׁט צוּרִיק שִׁיקְן צוּ דִי מְטַפְּלִים, וֶועסְטוּ זֶען אַז זִי וֶועט גֶעזוּנְט וֶוערְן אוּן עֶסְן אוּן הָאבְּן כֹּחַ, וַוייל אַזוֹי וִוי עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס - פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט - עֶסְן זֵיי מֶער, אַזוֹי אִיז דָא פַארְקֶערְט, פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט אִיז מֶען זִיךְ מְיַיאֵשׁ פוּן עֶסְן; אוּן אַז דוּ וֶועסְט אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, וֶועלְן אַוֶועק גֵיין אַלֶע מַחְלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

...

## אִיךְ וֵויים עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיין עֶרְלִיכְקֵייט אוּן דַיין תְּמִימוּת, וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן מִיט דַאוֶונֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. אִיךְ וֵויים עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין דַיין שִׁידוּךְ, דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ הַאלְטְסְט מֶער נִישְׁט אוֹיס צוּ זַיין אַלֵיין; אִיךְ בֶּעט דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

...

## גֶעבּ דִי חַיִּים טוֹבִים פַאר אַנְדֶערֶע, וֶועט עֶס בְּלַייבְּן אוֹיךְ בַּיי דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע, ... שֶׁיִּחְיוּ, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוּו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן עֶנְק וִוי שֵׁיין עֶנְקֶער לֶעבְּן גֵייט עֶנְק, עֶנְק לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אוּן עֶנְק גֶעבְּן דָאס אִיבֶּער וַוייטֶער, דוּ פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן דַיין וַוייבּ פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ; דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, אַז עֶס גֵייט אִין לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶער): "סֶע פַארְהַאנְדְן אַ מְדִינָה וָואס אִין אִיר אִיז גְרוֹיס עַשִׁירוּת, זֵיי הָאבִּין גְרוֹיסֶע אוֹצְרוֹת. אַמָאל זֶענֶען זֵיי זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען דִי עַשִׁירִים. הָאט זִיךְ אִטְלִיכֶער אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בַּארִימֶען מִיט זַיין חַיִּים טוֹבִים. וִוי אַזוֹי עֶר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט דֶערְצֵיילְט. דֶער סֵדֶר פוּן זַיין חַיִּים טוֹבִים. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן אוּן הָאבּ גִיזָאגְט צוּ זֵיי (דְהַיְינוּ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) אִיךְ לֶעבּ חַיִּים טוֹבִים בֶּעסֶערֶע פוּן אַייךְ. וְהָא רַאְיָה.

וָואריִן אַז אִיר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה וָואריִן סֶע פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַ גָארְטִין אוּן אִין דֶעם גָארְטִין אִיז גִיוֶוען פֵּירוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַלִירְלֵיי טַעֲמִים וָואס אִין דֶער וֶועלְט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַלִירְלֵיי רֵיחוֹת וָואס אִין דֶער וֶועלְט. אוּן סֶע דָארְט גִיוֶוען אִין דֶעם גָארְטִין אַלִירְלֵיי מַרְאוֹת. וָואס פַּאר אַ פַּארְבּ אוּן אַלֶע קְוַוייטִין וָואס אִין דֶער וֶועלְט. אִיז אַלְץ גִיוֶוען דָארְט אִין דֶעם גָארְטִין.

אוּן סֶע גִיוֶוען אִיבֶּער דֶעם גָארְטִין אֵיין אַגְרָאדְנִיק (דְהַיינוּ דֶער וָואס עֶר זֶעהְט צוּ דֶעם גָארְטִין) פְּלֶעגְט דִי מְדִינָה צוּ לֶעבִּין חַיִּים טוֹבִים דָארְךְ דֶעם גָארְטִין. אִיז דָארְט דֶער אַגְרָאדְנִיק פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. מֵיילֶא וָואס סֶע אִיז דָארְט דָא אִין דֶעם גָארְטִין. מוּז בְּוַודַאי שׁוֹין גָאר צוּ נִישְׁט וֶוערִין וָוארִין סֶע אִיז זִיךְ שׁוֹין נִיט דָא דֶער אַגְרָאדְנִיק. וָואס עֶר זָאל דֶעם גָארְטִין צוּ זֶעהְן אוּן זָאל זִיךְ פָּארִין אַרוּם אִים וָואס מֶע בַּאדַארְף אַרוּם דֶעם גָארְטִין צוּ טָאן. לוּשְׁמִיר זֵיי וָואלְטִין נָאךְ גִיקָאנְט לֶעבִּין פוּן דִי סְפִיחִים פוּן דֶעם גָארְטִין (דְהַיינוּ פוּן דֶער ווידֶער וַואקְסוּנְג. דְהַיינוּ דָאס וָואס סֶע וַואקְסְט אִין אַ גָארְטִין אַלֵיין פוּן דֶעם וָואס סֶע פַאלְט אַרָאפּ) אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ מֶלֶךְ אַכְזָר (כְּלוֹמַר אֵיין אוּם דֶערְבַּארִימִיקֶער) אוֹיף דֶער מְדִינָה אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גָאר נִיט גִיקֶענְט טָאן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דִי חַיִּים טוֹבִים פוּן דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבִּין פוּן דֶעם גָארְטִין. אוּן נִיט עֶר הָאט כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם גָארְטִין. נָאר עֶר הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט אִין דֶער מְדִינָה. דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אָן גִיזָאגְט. אַז זֵיי זָאלִין טָאן דָאס וָואס עֶר הָאט זֵיי גִיהֵייסִין. אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן. דָאס וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיהֵייסִין. דוּרְךְ דֶעם. הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם טַעַם. וָוארִין דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן. דוּרְךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט. אַז וֶוער סֶע וֶועט וֶועלִין פִּילִין אַ טַעַם. זָאל דָאס הָאבִּין אַ טַעַם פוּן נְבֵילָה. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם רֵיחַ אַז אַלֶע רֵיחוֹת זָאלִין הָאבְּן אַ רֵיחַ פוּן חֶלְבְּנָה. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דִי מַרְאֶה. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט. אַז סֶע זָאל זַיין טוּנְקִיל אִין דִי אוֹיגִין. אַזוֹי ווִי סֶע אִיז אַז סֶע וָואלְקִינְדִיק. (דָאס הָאבִּין דִי דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט אַלְץ אָנְגִיאַרְבֶּעט אִין דֶער

מְדִינָה דָארְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיהֵייסִין כַּנַּ"ל). הַיינְט אַז אִיר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְּט זֶע דֶער מְדִינָה. (אַזוֹי זָאגְט אַלְץ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט אַז זֵיי לֶעבִּין חַיִּים טוֹבִים כַּנַּ"ל) אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ אַז אִיר וֶועט זֵיי נִיט הֶעלְפִּין. וֶועט עֶס אַייךְ אוֹיךְ שַׁאטִין. (דְהַיְינוּ דָאס וָואס בַּיי דֶער מְדִינָה אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי מַרְאֶה אוּן דֶער טַעַם אוּן דֶער רֵיחַ. דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיךְ דֶער לַאנְגֶען)".

דָאס אִיז דֶער סִימָן אַז מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; אַז מֶען גֶעבְּט דָאס פַּאר אַנְדֶערֶע, אוּן נָאר אַזוֹי אִיז מֶען זִיכֶער אַז מֶען וֶועט בְּלַייבְּן בַּיי דִי חַיִּים טוֹבִים; נָאר אַז מֶען גֶעבְּט אִיבֶּער דִי חַיִּים טוֹבִים פַּאר אַנְדֶערֶע בְּלַייבְּט מֶען בַּיי דִי חַיִּים טוֹבִים.

בְּנוֹגֵעַ דִי שְׁאֵלָה וְכוּ'; טוּט אַלֶעס וָואס דֶער דַיָּן שְׁלִיטָ"א פוּן יַבְנְאֵל לֶערְנְט עֶנְק, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פוּן לְכַתְּחִילָה אוּן עֶס אִיז דָא בְּדִיעֶבֶד, לְכַתְּחִילָה מַאכְט מֶען טַאקֶע יֶעדְן טָאג פוּן דִי זִיבְּן טֶעג צְוֵויי בְּדִיקוֹת, אוּן אוֹיךְ וְכוּ', אוּן אַמָאל זָאגְט דֶער דַיָּן וֶוען עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען - אַז מֶען זָאל נָאר מַאכְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג אוּן דִי זִיבֶּעטֶע טָאג, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט לֵייגְן אַנְדֶערֶע בֶּעט גֶעוַואנְד וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַּאר אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיי פְרוֹיעֶן; אֵיינְמָאל הֶערְט אִיר אַז זַיין אַ מַאמֶע אוּן אַ וַוייבּ אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אֵיינְמָאל הֶערְט אִיר אַז זָאגְן תְּהִלִּים אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן אַמָאל הֶערְט אִיר אַז גָאר זַיין אַ

טִיטְשֶׁער אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ; אִיר זֶענְט צֶעמִישְׁט, אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס אִיז טַאקֶע דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ פַאר פְרוֹיעֶן.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אַ וַוייבּ פַארְן מַאן; נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְ׳ס פוּן דֶעם, נִישְׁטָא הֶעכֶערְ׳ס פוּן דֶעם. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן", אוֹיף וָואס בַּאקוּמֶען פְרוֹיעֶן שָׂכָר? "בְּאַקְרוּיֵי בְנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא", מִיט דֶעם וָואס זֵיי צִיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וּבְאַתְנוּיֵי גֻבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגֻבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי וַוארְטְן אָפּ דֶעם מַאן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען, דָאס וֶועט זֵיי הִיטְן אוּן אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי הָאבְּן שָׂכָר.

מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְף זִיךְ אַ פְרוֹי מְחַיֶ׳ זַיין, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיר אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָנְטוּן קִינְדֶער, אָפְּוַואשְׁן קִינְדֶער, מַאכְן וֶועשׁ פַאר דִי שְׁטוּבּ, קָאכְן עֶסְן פַאר דִי שְׁטוּבּ, דָאס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם, אוּן אַז מֶען הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט קֶען מֶען זָאגְן תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעא): "הֲלֹא הַחֶנְוָנִי דַּרְכּוֹ לְהַקִּיף בְּהַקָּפָה, שֶׁיִּתְּנוּ לוֹ לְאַחַר זְמַן", דֶער גֶעשֶׁעפְט לָאזְט דָאךְ אוֹיךְ נֶעמֶען אוֹיף בָּארְג אוּן עֶר אִיז גְרֵייט מֶען זָאל אִים שְׁפֶּעטֶער בַּאצָאלְן, "וּמַדּוּעַ לֹא יֹאמַר הָאָדָם אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים אוֹ לִלְמֹד אוֹ לַעֲשׂוֹת שְׁאָר מִצְוֹת", אִיז פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אָדֶער לֶערְנֶען אוּן טוּן מִצְוֹת - "וְיִהְיֶה מֻנָּח וּמוּכָן אֶצְלוֹ לְעֵת הַצֹּרֶךְ", עֶס זָאל זַיין אָנְגֶעגְרֵייט פַאר וֶוען מֶען וֶועט עֶס דַארְפְן נִיצְן? "כִּי יִהְיֶה זְמַן שֶׁיִּצְטָרֵךְ לָזֶה, שֶׁיִּגְבֶּה שְׂכָרוֹ וּפְעֻלָּתוֹ", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט עֶס דַארְפְן הָאבְּן.

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט זַיין אַ טִיטְשֶׁער, לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער; וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט דִי כֹּחוֹת, דִי שֵׂכֶל אוּן הַארְץ - צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט - אִיז נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי בָּחוּרִים זָאלְן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אָנְגֶעטוּן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... שְׁלִיטָ״א**

זֶע אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען מִיט אֵיידֶעלֶע שִׁיךְ, מִיט אֵיידֶעלֶע קְלֵיידֶער.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ וֶוען אִיךְ זֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֵיידֶעלֶע שְׁטִיבֶּער - טוּעֶן זִיךְ אָן אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, זֵיי קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיט אַרְבֶּעטְ׳ס קְלֵיידֶער, אַרְבֶּעטְ׳ס שִׁיךְ; אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זֵיי לֶערְנֶען וָואס אִיז רִיכְטִיג.

יֶעצְט שׁוֹבָבִי״ם זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית, מַאךְ זִיכֶער וֶוען דוּ רֶעדְסְט זָאלְן אַלֶע זַיין, בַּיים רֶעדְן פוּן קְדוּשַׁת הַיְּסוֹד טָאר קֵיינֶער נִישְׁט פֶעלְן, רֶעד צוּ זֵיי מִיט אַ רִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶת-יָהּ, זֵיי זָאלְן וִויסְן מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר פַּיינְט זִמָּה (סַנְהֶדְרִין צג.), אוּן מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַשְׁרֵינוּ אַז אוּנְזֶער פְּלַאג אוּן מִיה אִיז אוֹיף נִצְחִיּוּת.

...

## דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, אוּן גֵיין צוּם דַיָּין׳ס גְמָרָא שִׁיעוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס טוּט מִיר וֵויי דִיךְ צוּ זֶען טָאג נָאךְ טָאג קוּמֶען נָאךְ חֲצוֹת דַאוֶונֶען אָן קַיין מִנְיָן. עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז נָאךְ חֲצוֹת קֶען מֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען, עֶס אִיז בְּרָכוֹת לְבַטָלָה, צְוֵוייטְנְס, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט, אָדֶער זָאל אִיךְ טְרַאכְטְן אַז דוּ גֵייסְט עֶרְשְׁט אַרַיין אִין אָפִיס אוּן שְׁפֶּעטֶער קוּמְסְטוּ אִין שׁוּל.

עֶס טוּט מִיר וֵויי, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעלֶערְנְט מִיט דִיר אִין יְשִׁיבָה

און דיך חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מִיט אַן אֵיידֶעלֶע תַּלְמִידָה פון בֵית פֵיגָא; אִיז וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען אַז דו פִירְסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן, קוּמֶען אִין שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי, אַ אִינְגֶערְמַאן ווִי דו דַארְף דַאוֶּוענֶען וָואס פְרִיעֶר; שְׁפֶּעטְסְטְנְס אַכְט אַזֵייגֶער, און גֵיין צו דִי אַרְבֶּעט נַיין אַזֵייגֶער.

אִיךְ ווִיל זִיךְ דֶערְקְוִויקְן, זֶען אִין דִי קַאמֶערֶע ווִי דִי אַבְרֵכֵי הַכּוֹלֵל לֶערְנֶען פְלַייסִיג, קוּק אִיךְ אִין דִי קַאמֶערֶע, אָבֶער פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט מְחִיצָה בַּאקוּם אִיךְ וֵוייטָאג צו זֶען אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה קוּמֶען טָאג נָאךְ טָאג דַאוֶּוענֶען נָאךְ חֲצוֹת, טְרֶעטְן אוֹיף דִי הֲלָכָה מְפוֹרֶשֶׁת פון דַאוֶּוענֶען שַׁחֲרִית אִין צַייט; מֵילָא בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה וְכוּ', אָבֶער טַייעֶרֶע אַבְרֵכִים ווִי דִיר - דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען.

אִיךְ ווִיל צְוֵויי זַאכְן פון דִיר, אֵיינְס דַאוֶּוענֶען מִיט מִנְיָן אַלֶע תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית וָואס פְרִיעֶר, צְוֵויי, זָאלְסְט גֵיין צוּם דַיין'ס גְמָרָא שִׁיעוּר.

...

## וואוּ אִין אַ פְלַאץ וואוּ דו הָאסְט מִנְיָן שַׁבָּת און וָואכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַוואוּ בִּיסְטוּ? אִיךְ בֶּענְק זִיךְ אַזוֹי צו דִיר, שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט פון דִיר...

אֶפְשָׁר דָאךְ קֶען מֶען צוּרִיק אוֹיפְוֶועקְן אוּנְזֶער נָאנְטְשַׁאפְט, טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, נִישְׁט אַלֶעס אִיז הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, און נִישְׁט אַלֶעס אִיז הָאבְּן גֶעלְט, דַאוֶּוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת - דָאס אִיז אַלֶעס.

אַ שָׁאד דו הָאסְט זִיךְ אַוֶועק גֶעצוֹיגְן פון שְׁטֶעטְל צו אַ פְלַאץ אָן מִנְיָן, הַלְוַאי אַז דו קוּמְסְט צוּרִיק וואוֹינֶען נֶעבְּן מִיר, און אוֹיב דו הָאסְט עֶפֶּעס טַעֲנוֹת אוֹיף אוּנְזֶער קְהִילָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן צו אַן אַנְדֶערֶע קְהִילָה, וַוייל וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער...

אִיךְ זָאג דִיר דָאס נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, און אִיךְ ווִיל נָאר דַיין טוֹבָה. וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, מֶען הָאט דִיךְ גֶעוָוארְפְן פוּן אַלֶע יְשִׁיבוֹת ווִי מֶען וַוארְפְט אַ בָּאלִי, הָאבּ אִיךְ דִיךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען און גֶעזָארְגְט פַאר דַיין שִׁידוּךְ, און גֶעבְּרֶענְגְט דִי טַייעֶרֶע פְּרוּי, דַיין ווַייבּ תִּחְיֶ׳, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן נָאר אֵיין זַאךְ, וואוּ צְווִישְׁן אִידְן, וואוּ אִין אַ גַאס וואוּ דוּ הָאסְט מִנְיָן שַׁבָּת און וָואכְן, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין.

הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעזֶען אַמָאל, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים; אֶפְשָׁר הָאסְטוּ עֶפֶּעס וֶוייטָאג אוֹיף מִיר, טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר; אִיךְ וֵוייס אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן און דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן רֶעדְן וְכוּ׳, אָבֶער טַייעֶרֶער ..., אִיךְ ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי גְרוּנְד פוּן דִי תּוֹרָה, אוֹיף דִי פוּנְדַאמֶענְט פוּן דִי תּוֹרָה.

אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

...

### זִיךְ בַּאנַייעֶן און צוּרִיק דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר, און יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאסְטוּ אַרַיינְגֶעבְּלָאנְזְשֶׁעט אִין הֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת וְהַדִּמְיוֹנוֹת, דוּ שְׁוֶועבְּסְט אִין דִמְיוֹנוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אֵיין מָאל גֶע׳גֶט, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר, הָאסְט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט, און יֶעצְט בִּיסְטוּ אַזוֹי אִין דִמְיוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה און חֲסִידוּת; ווִי מֶען קֶען אַזוֹי פַארְדְרֵייט וֶוערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ דַארְפְן קוֹדֶם טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (הַנְהָגוֹת אָדָם, סִימָן א), מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין און וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף

אַלֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען דַארְף פַארֶעכְטְן, "וְאָז יִרְאֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁעָמְדוּ עֲוֹנוֹתָיו נֶגֶד עֵינָיו, וְיִזְכֹּר אֶת חַטֹּאתָיו וַעֲווֹנוֹתָיו וּפְשָׁעָיו כֶּהָרִים וּגְבָעוֹת", דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זֶען דִי עֲבֵירוֹת וָואס גְרֵייכְט אַזוֹיפִיל ווִי רִיזִיגֶע בֶּערְג, "אֲשֶׁר מֵעוֹלָם לֹא זָכַר אוֹתָם אִם עָשָׂה כָּכָה". וָואס פַארְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין הָאט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, "כָּכָה יַעֲשֶׂה לֹא פַּעַם וְלֹא שְׁתַּיִם וְלֹא מֵאָה פְּעָמִים, עַד אֲשֶׁר יְרַחֲמוּ עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם", אַזוֹי זָאל עֶר טוּן נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נִישְׁט הוּנְדֶערְט מָאל; עֶר זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, "וְיִתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּדְרִיכֵהוּ בַּדֶּרֶךְ וְיוֹרֵהוּ דַּרְכּוֹ שֶׁלֹּא יְבַלֶּה חַיֵּי חַיָּיו", עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶר זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן אוּן טֶעג מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן עֶר וֶועט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען מֶען עוֹסֵק זַיין אִין קַבָּלָה, בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה בִּצְנִיעוּת, נִישְׁט צוּ נִיצְן אַ שְׁפְּרַאךְ צְווִישְׁן זִיךְ, רֶעדְן קַבָּלָה וֶוערְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט אַמָאל אִינְגֶעלַייט רֶעדְן אַזוֹי צְווִישְׁן זִיךְ, לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ זֵייעֶר שַׁארְף אוֹיסְגֶעדְרוּקְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכו): "הֶערְט אוֹיף רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' לִיפָּא (שָׁם, סִימָן שטו): "תָּמֵהַּ אֲנִי", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, "אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ", ווִי קֶען זַיין מֶען זָאל אָפְּלָאזְן אַזַא טַייעֶרֶע בַּאלִיבְּטֶע פְּלַאץ; דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אֵיין שְׁטִיק קַבָּלָה אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּשִׂמְחָה רַבָּה, דִי גַאנְצֶע קַבָּלָה לִיגְט אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין הֲלָכָה ה', אוֹת לח): "כִּי עַל פִּי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה", מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, "וְהַיּוֹצֵא בָּהֶם הַמְּבֹאָרִים בִּדְבָרֵינוּ", אוּן מִיט מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיים רֶבִּי'ן, "תּוּכַל לַעֲשׂוֹת לְךָ דֶּרֶךְ לְהָבִין מְעַט מִזְּעֵיר בְּדַרְכֵי הַקַּבָּלָה שֶׁל הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְהָאֲרִיזַ"ל", קֶענְסְטוּ קוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר אוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, "לְהוֹצִיא מֵהֶם דְּרָכִים וְעֵצוֹת לְמַעֲשֶׂה עַל פִּי הַקְדָמוֹת

נוֹרָאוֹת וְעֵצוֹת אֲמִתִּיּוֹת שֶׁל דִּבְרֵי תּוֹרָתוֹ שֶׁל רביז"ל, צוּ הָאבְּן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, נִישְׁט סְתָּם רֶעדְן דִי נֶעמֶען וְכוּ׳ כַּיָּדוּעַ ווִי דִי אִינְגֶעלַייט וָואס וֶוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן צוּ זָאגְן, זֵיי קֶענֶען רֶעדְן שֵׁמוֹת, וֶוערְטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, פוּן דַיינֶע סִיוּמִים אוֹיף מִשְׁנָיוֹת אוּן מַסֶכְתּוֹת הַשַּׁ"ס, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן, צוּרִיק דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, לֶערְנֶען אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, נִישְׁט שְׁטֵיין בְּלַייבְּן וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ. בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז דָאס גֶעוֶוען יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם מְזַלְזֵל זַיין אִין אִיר כָּבוֹד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְלֶערְנֶען א׳ ב׳ נָאר לוֹיט דִי מְסוֹרָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טוּישְׁן דִי וֶועג ווִי מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע עִבְרִי.

אוֹיסְלֶערְנֶען א׳ ב׳ אִיז אַ הֵיילִיגֶע לִימוּד, אוּן מֶען מוּז דָאס לֶערְנֶען לוֹיט דִי מְסוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט קְלָאר (אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ), מֶען זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען דִי א׳ ב׳ לוֹיט דִי הֵיילִיגֶע מְסוֹרָה פוּן אַרוֹיסְזָאגְן קָמֶץ אַלֶף אָ; דֶער לָשׁוֹן פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל: "דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶערְלֶעךְ אַלֶף בֵּית מִיט דִי אַלְטֶע מֶעטָאדְן אַזוֹי

ווי מֶען הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר, און אַזוֹי ווי מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן און מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן, נִישְׁט מִיט קֵיין נֵייעֶ מֶעטָאדְן "אָ", "בָּ", וְכוּ' וְכוּ', נָאר "קָמֶץ אַלֶף אָ", "קָמֶץ בֵּית בָּ", וָואס אִין דֶעם לִיגְט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, סְ'אִיז נִישְׁט סְתַּם אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ קִינְד. מַה שֶׁאֵין כֵּן דִי גוֹי'אִישֶׁע מֶעטָאדְן "אָ", "בָּ", לִיגְט אִין דֶעם טְרֵיפָה'נֶע דֵעוֹת נִפְסָדוֹת וְכוּ'".

גֶעב אוֹיךְ אִיבֶּער פַאר דַיין טָאכְטֶער תְּחִי' וָואס זִי גְרֵייט אָן דִי לִימוּדִים פַאר דִי סְקוּל, פַאר בֵּית פֵיגָא, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת דִי עִבְרִי אַזוֹי ווי דִי מְסוֹרָה.

אִיךְ שִׁיק דִיר דִי גַאנְצֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט ווי אַ חֵדֶר דַארְף זִיךְ פִירְן, עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו זֵייעֶר ווִיכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת, דָאס דַארְף מֶען כְּסֵדֶר חַזֶר'ן, און זֶען אַז דִי מְלַמְדִים זָאלְן לֶערְנֶען אַזוֹי מִיט דִי קִינְדֶער.

אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ, חֵלֶק ג', מִכְתָּב רמא:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר פִּנְחָס, י"א תַּמּוּז ה'תשע"א.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְן בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן אַז חִינוּךְ דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיים אִידִישְׁן פָאלְק, וָוארוּם מִיר אַלֶע לֶעבְּן נָאר כְּפִי מְסוֹרַת אֲבוֹתֵינוּ וַאֲבוֹת אֲבוֹתֵינוּ וְכוּ' וְכוּ', וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן און אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן וְכוּ'.

לֵיידֶער לֵיידֶער הָאבְּן לֶעצְטְנְס זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי הֵיימִישֶׁע עוֹלָם דֵעוֹת נִפְסָדוֹת וָואס עֶס נֶעמְט זִיךְ פוּן דִי גוֹיִם וְכוּ', נֵייעֶ מֶעטָאדְן וְכוּ' ווִיאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער וְכוּ', און דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער בְּרָאךְ אַז מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ גוֹיִם עֲרֵלִים טְמֵאִים וְכוּ', פְּסִיכָאלָאגְן פֶּעדַאגָאגְן וְכוּ', וָואס זֵיי זָאלְן אוּנְז לֶערְנֶען ווִיאַזוֹי מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער עַל פִּי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִרְאָה וְכוּ', אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין גֶעלֶעכְטֶער?! וָואס קֶען שׁוֹין אַ גוֹי עָרֵל טָמֵא ווִיסְן וָואס הֵייסְט חִינוּךְ? לָאמִיר נָאר זֶען ווִיאַזוֹי דִי גוֹיִם זֶענֶען מְחַנֵךְ זֵייעֶרֶע

קִינְדֶער? און דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אַז מֶען מִישְׁט אוֹיס פִּינְסְטֶער מִיט לֶעכְט, גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטְס וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיר אִידְן דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען פוּן דִי גוֹיִם, מִיר הָאבְּן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס דָארְטְן אִיז אַרוּמְגֶערֶעדְט בַּאֲרִיכוּת וְויאַזוֹי אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִית, און וְויאַזוֹי עֶר דַארְף לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, און וְויפִיל קִינְדֶער דַארְפְן זַיין אִין קְלַאס וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעראָטְן זָאלְסְט קוֹדֶם אִיבֶּערְלֶערְנֶען גוּט גוּט הִלְכוֹת מְלַמְּדִים (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָנִים רמ״ה-רמ״ו), טוּר, בֵּית יוֹסֵף, און שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און זָאלְסְט דָאס קֶענֶען קְלָאר, און דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ עֶרְשְׁט אָנְהֵייבְּן רוּפְן זִיךְ מְלַמֵּד.

אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן גֶעװאַלְדִיגֶע גֶעדוּלְד, אַ מְלַמֵּד דַארְף עֶסְן און טְרוּנְקֶען און שְׁלָאפְן, כְּדֵי עֶר זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּעֶט און עֶר זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, וָוארוּם דֶער יְסוֹד אִין חִינוּךְ אִיז אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּעֶט, און עֶר זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אִינְגֶעלֶע, און אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִים דֶער עִיקָר אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און נָאכְדֶעם זָאל עֶר אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִים דִי טֶעגְלִיכֶע הֲלָכוֹת וָואס דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי אַ אִינְגֶעלֶע טָאר זִיךְ נִישְׁט לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיז עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט נֶעגְל וַואסֶער, אַ שִׁיסְל מִיט אַ טֶעפְּל וַואסֶער נֶעבְּן בֶּעט, און עֶר זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה אִין אַ סִידוּר, און עֶר זָאל קוּשְׁן דִי מְזוּזָה און בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז זַיין נְשָׁמָה זָאל אַרוּיפְגֵיין אוֹיסְגֶערוּטֶערְהֵייט, און עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אוֹיסְגֶערוּטֶערְהֵייט, וְויפֶער מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאל מֶען גְלַייךְ אָפְּגִיסְן זִיךְ דִי הֶענְט, און מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין ד׳ אַמּוֹת אוּמְאָפְּגֶעוָאשְׁן זִיךְ דִי הֶענְט, און אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער בְּרָכוֹת, וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע זָאל מַאכְן אַ בְּרָכָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר עֶסְט, און אַ נָאךְ בְּרָכָה, וּבִפְרַט בֶּענְטְשְׁן, און אוֹיב דוּ וֶועסְט דָאס אַרַיינְפְלַאנְצְן אִין קִינְדֶער, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט זֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

זִינְגֶען דַארְף מֶען מִיט זֵיי זִינְגֶען נָאר נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, און הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים, נִישְׁט גוֹי׳אִישֶׁע נִיגוּנִים וָואס מֶען הָאט אִין דֶעם אַרַיינְגֶעלֵייגְט

אִידִישֶׁע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז אַן עֶקֶל, דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן פְּרָאסְטֶע מְגוּשָׁמֶ'ע גְרָאבְּיַאנֶען, עֶקֶלְהַאפְטִיגֶע אִינְגֶעלַייט, וָואס זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ', פוּן זֵיי דַארְפְן מִיר נֶעמֶען נִיגוּנִים? אוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס אִיז הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת דַארְפְן דָאס אִין זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן? דָאס דַארְף זַיין בַּיי אוּנְז מִיאוּס בְּתַּכְלִית הַמִּיאוּס, שִׁיקוּץ בְּתַּכְלִית הַשִּׁיקוּץ, מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ נָאר הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים.

דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶערְלֶעךְ אַלֶף בֵּית מִיט דִי אַלְטֶע מֶעטָאדְן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן, נִישְׁט מִיט קַיין נַייעֶ מֶעטָאדְן "אָ", "בָּ", וְכוּ' וְכוּ', נָאר "קָמֶץ אַלֶף אָ", "קָמֶץ בֵּית בָּ", וָואס אִין דֶעם לִיגְט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, סְ'אִיז נִישְׁט סְתַּם אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ קִינְד. מַה שֶּׁאֵין כֵּן דִי גוֹי'אִישֶׁע מֶעטָאדְן "אָ", "בָּ", לִיגְט אִין דֶעם טְרֵיפָה'נֶע דֵעוֹת נִפְסָדוֹת וְכוּ'.

אַ קִינְד דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען עֶר זָאל הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר זָאל וֶועלְן דַאוֶוענֶען, עֶר זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם סִידוּר, וּמִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס תּוֹרָה, דָאס דַארְף זַיין בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בְּרֶתֶת וּבְזִיעָה, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז דָאס אִינְגֶעלֶע וֶוערְט נָאךְ גְרֶעסֶער דַארְף מֶען מִיט אִים לֶערְנֶען רַשִׁ"י, אוּן אַרַיינְגֶעבְּן דִי חֲבִיבוּת פוּן יֶעדֶע הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י, וִוי עֶר בְּרֶענְגְט אַלֵיין (בְּרֵאשִׁית ג', ח'), "וַאֲנִי לֹא בָאתִי אֶלָּא לְפָרֵשׁ פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא".

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶערוּפְן דֶעם בְּרִיסְקֶער רָב זי"ע עֶר זָאל פַארְהֶערְן אַ קְלַאס, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ אִינְגְל פְּשַׁט אִין אַ פָּסוּק, הָאט דֶער אִינְגֶעלֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער רַשְׁבַּ"ם זָאגְט אַזוֹי וְכוּ' וְכוּ', הָאט דֶער בְּרִיסְקֶער רָב זַ"ל גֶעגֶעבְּן אַ בֵּייזְן קוּק אוֹיפְ'ן מְלַמֵּד, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְ'ן מְלַמֵּד, וִוי קוּמְט דָאס אַז עֶר לֶערְנְט מִיט אִינְגֶעלֶעךְ אַנְדֶערֶע מְפָרְשִׁים, פַאר מֶען לֶערְנְט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י וָואס דָאס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל? עֶר הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶע'מוּסָר'ט.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין רַשִׁ"י, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע מְפָרְשִׁים, הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶע'מוּסָר'ט. עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה וָואסֶערֶע בּוּשָׁה אוּן אַ חֶרְפָּה אִיז, אַז אַ מְלַמֵּד לֶערְנְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער בִּכְלַל רַשִׁ"י, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכ"ג) אַז רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער בְּרוּדֶער פוּן דִי תּוֹרָה, וָוארוּם גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל לֶערְנְט רַשִׁ"י.

אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן זִינְגֶען דֶעם אַלְטְן חֵדֶר נִיגוּן, נִישְׁט נֵייעֶ גוֹי'אִישֶׁע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע נִיגוּנִים וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ בִּזָּיוֹן, וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי י"א, כ"ב) "נֶזֶם זָהָב בְּאַף חֲזִיר". וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט אַ אִינְגֶעלֶע מִשְׁנַיּוֹת, דַארְף מֶען מִיט אִים לֶערְנֶען לַאנְגְזַאם, אוּן מַסְבִּיר זַיין יֶעדֶע מִשְׁנֶה, אוּן וָואס יֶעדֶע תַּנָּא זָאגְט. אוּן הַיינְט אִיז דָאס זֵייעֶר גְרִינְג, ווַייל מֶען הָאט הַיינְט גֶעדְרוּקְט מִשְׁנַיּוֹת מִיט בִּילְדֶער, וָואס דָאס קִינְד קֶען זֶען לֶעבֶּעדִיג פַאר זִיךְ יֶעדֶע מִשְׁנֶה, הֵן אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת, הֵן אִין הִלְכוֹת סוּכָּה, מַמָּשׁ לְהַפְלִיא פִּלְאֵי פְּלָאוֹת, עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר יֶעדְן אִינְגֶעלֶע יֶעדֶע מִשְׁנֶה. אוּן מֶען דַארְף דָאס מִיט זֵיי חַזְרְ'ן קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ בִּיז זֵיי זָאלְן דָאס קֶענֶען אוֹיסְנְוֵוייניג, מֶען דַארְף נִישְׁט יָאגְן אוּן לוֹיפְן, נָאר יֶעדֶע מִשְׁנֶה חַזְרְ'ן חַזְרְ'ן אוּן חַזְרְ'ן מִיטְ'ן טַייטְשׁ זֵיי זָאלְן דָאס קֶענֶען. אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ לֶערְנֶען אָדֶער פֶּרֶק אֵלוּ מְצִיאוֹת, אָדֶער פֶּרֶק הַמֵּנִיחַ, אָדֶער פֶּרֶק הַכּוֹנֵס, וָואס דָאס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט נֶעמֶען נֵייעֶ וֶועגְן, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ יֶעדֶע שְׁטִיקֶעלֶע גְמָרָא אוּן מֶען חַזְרְ'ט אִיבֶּער. אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט.

דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו) אִיז גֶעמַאכְט פַאר בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן אַ שְׁוַואכֶע הַבָנָה, אוּן אַ שְׁוֶוערֶע תְּפִיסָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ דֶרֶךְ צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת אוּן צוּ זָאגְן אַסַאךְ גְמָרָא, אוּן מִיט דִי צַייט וֶוערְט אִים גֶעעֶפֶנְט דֶער מֹחַ וְכוּ', אוּן זַיין הַבָנָה אוּן

זַיין שֵׂכֶל וֶוערְט פַארְבְּרֵייטֶערְט וְכוּ׳, אוּן עֶר קֶען אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט.

אָבֶּער קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַזוֹי ווִי אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי ווִי אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, פָּשׁוּט דַאוֶּוענֶען אִין סִידוּר, אוּן פַארְטַייטְשְׁן יֶעדֶעס וָוארְט, דָאס קִינְד זָאל ווִיסְן וָואס עֶר דַאוֶּוענְט, מִכָּל שֶׁכֵּן חוּמָשׁ זָאל עֶר חַזְרְ׳ן מִיט אַ בְּרֶען, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן יֶעדֶע רַשִׁ״י זָאל מֶען מַסְבִּיר זַיין [נַאטוּרְלִיךְ דִי רַשִׁ״י וָואס רֶעדְט פוּן דִקְדוּק לָאזְט מֶען אוֹיס] נָאר דָאס פֵּירוּשׁ הַפָּשׁוּט דַארְף גֵיין אַלְץ אוֹיפְ׳ן וֶועג פוּן רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ, נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן נַייעֶ פֵּירוּשִׁים, דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דֶער אִידִישֶׁער וֶועג, אוּן ווֶוער עֶס פַארְנַאכְלֶעסִיגְט דֶעם לִימוּד חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י מִיט קְלֵיינֶע אִינְגֶעלֶעךְ טָאר נִישְׁט זַיין קֵיין מְלַמֵּד, אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קִינְדֶערְלֶעךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, אוּן דִי הֶעכֶערֶע קְלַאסְן מִשְׁנָיוֹת, אוּן פַארְטַייטְשְׁן יֶעדֶע מִשְׁנָה אוּן חַזְרְ׳ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז זֵיי וֶועלְן קֶענֶען דָאס אוֹיסְנְווֵייניג, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן דִי הֶעכֶערֶע קְלַאס וָואס מֶען לֶערְנְט שׁוֹין פֶּרֶק הַמֵּנִיחַ אָדֶער פֶּרֶק הַכּוֹנֵס אָדֶער פֶּרֶק אֵלוּ מְצִיאוֹת וְכוּ׳, דַארְף מֶען אַוַדַאי אַוַדַאי אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי הַבָּנַת הַתּוֹרָה, דִי גֶעשְׁמַאק פוּן תּוֹרָה, אוּן אוֹיב אַ יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג דַארְף דָאס פַארְמַאכְט וֶוערְן, טָאר נִישְׁט זַיין אַזַא תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן דִי קִינְדֶער אִין אַזַא תַּלְמוּד תּוֹרָה.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִין דֶעם, סְ׳אִיז פָּשׁוּט שֵׂכֶל, אוּן מֶען זֶעט דָאס דִי אַלֶע אִינְגֶעלֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען כִּיתָּה א׳, כִּיתָּה ב׳, כִּיתָּה ג׳, כִּיתָּה ד׳, וְכוּ׳, מִיט אַזֶעלְכֶע הַקְדָמוֹת, זֶענֶען גֶעוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אָבֶּער דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס וָואס מֶען הָאט גֶענוּמֶען קַאלִיקֶעס פַאר מְלַמְּדִים, אָדֶער מֶען הָאט צַאמְגֶענוּמֶען דְרֵיי פִיר קְלַאסְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן דֶער מְלַמֵּד אִיז אַרוֹיס אוּן גֶעטְרוּנְקֶען קַאוֶוע וְכוּ׳ אָדֶער עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט וְכוּ׳, אִיז עֶר בִּכְלַל וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כ״א:, וְעַיֵּין שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ״ה, סָעִיף ט״ז) ״מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁמֵּנִיחַ הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא, אוֹ שֶׁעוֹשֶׂה מְלָאכָה

אַחֶרֶת עִמָּהֶם, אוֹ שֶׁמִּתְרַשֵּׁל בְּתַלְמוּדוֹ, הֲרֵי זֶה בִּכְלַל אָרוּר עֹשֶׂה מְלֶאכֶת הֲוַיָ"ה רְמִיָּה (יִרְמְיָהוּ מ"ח, י')".

עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ בָּחוּר זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין פ"ב.) "לֹא יְלַמֵּד אָדָם רַוָּוק סוֹפְרִים" [עַיֵּין רַשִׁ"י: לֹא יְלַמֵּד רַוָּוק סוֹפְרִים: רַוָּוק, פָּנוּי בְּלֹא אִשָּׁה. סוֹפְרִים: מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת. כְּלוֹמַר, לֹא יַרְגִּיל רַוָּוק עַצְמוֹ לִהְיוֹת מִן הַסּוֹפְרִים וְכוּ'], בִּפְרַט הַיינְטִיגְן פְּרָאסְטְן דוֹר, דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אֲפִילוּ אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן בָּחוּר, כָּל זְמַן עֶר אִיז אַ בָּחוּר טָאר עֶר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, דָאס אִיז מִדִּינָא דִגְמָרָא, וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן נֶעמֶען קַאלְיֶעדִיגֶע בָּחוּרִים וְכוּ', אוּן זֵיי זָאלְן זַיין דִי מְלַמְּדִים, זֵיי זָאלְן זַיין דִי שׁוֹמְרִים אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דָאס אִיז אַן עַוְלָה שֶׁאֵין כָּמוֹהוּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי מְנַהֲלִים פוּן דַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן דָאס נִישְׁט פַארְבֶּעסֶערְן, מֶעג מֶען פַארְמַאכְן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה.

נָאכְאַמָאל ווִיל אִיךְ דִיר אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן, אַז אַ מְלַמֵּד מוּז הָאבְּן גֶעדוּלְד, וָוארוּם אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער זָאל עֶר עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין סַאנִיטֶעיִשְׁן [דִי וָואס זֵיי קְלוֹיבְּן אוֹיף דִי מִיסְט], דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, אוּן זֵיי וַוארְפְן דִי גַארְבִּיטְשׁ קֶענְס [דִי מִיסְט בְּלֶעכְן] מִיט רְצִיחָה אִין טְרָאק. אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד, אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, טָאר נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קִינְדֶער, טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער, טָאר נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן קִינְדֶער. אוּן אוֹיבּ עֶר טוּט דָאס אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ גָּמוּר. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דָאס אַרַיינְלֵייגְן גוּט גוּט אִין דַיין הַארְץ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד.

*

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְפֶעלְן אֵיין שָׁעָה פוּן עִבְרִי כִּתָּה, קֶען זַיין אַ בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ בַּיי דִיר? אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן׳ אוּן שׁוֹין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): ״יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ״, יֶעדְן טָאג קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן פְרִישׁ אַרָאפְּקְלַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט זֶען דַיין זוּן זָאל קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר. עֶר לֶערְנְט יֶעצְט עִבְרִי, אוּן אַז מֶען פַארְפֶעלְט אֲפִילוּ אַ שָׁעָה פוּן כִּתָּה - קֶען דָאס זַיין אַ בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת. וַוייל אַז מֶען פַאלְט אַרוֹיס פוּן דִי עִבְרִי כִּתָּה - קֶען מֶען נִישְׁט מִיט הַאלְטְן אַלֶע כִּיתּוֹת, אוּן אַז מֶען דַארְף גֵיין מִיטְן קִינְד עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן וְכוּ׳ - דַארְף מֶען דָאס טוּן נָאךְ חֵדֶר, אָדֶער אִין דִי צַייט פוּן הַפְסָקָה, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אָנְהוֹיבּ טָאג, וָואס דֶעמָאלְט לֶערְנֶען דִי מְלַמְּדִים דִי עִבְרִי, וַוייל דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי מֹחוֹת מְסוּגָּל צוּ לֶערְנֶען.

זַיי שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה; דָאס אוּן נָאר דָאס - וֶועט פוּן אוּנְז בְּלַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶערְצֵייל מִיר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִי תַּלְמִידִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן הֶעלְפְן מִיט דִי יְשִׁיבָה מִיט לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי בָּחוּרִים. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי׳ן אִיז אַ נִצְחִיּוּת, דָאס אִיז אוּנְזֶער גְרֶעסְטֶע תִּיקּוּן אוֹיף שׁוֹבָבִי״ם, אַז מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

אַז דוּ זֶעסְט בַּיי דִי בָּחוּרִים שֵׁיינֶע זַאכְן, מִידוֹת טוֹבוֹת, וַתְּרָנוּת, יִרְאַת

שָׁמַיִם - שְׁרַייבּ מִיר און דֶערְצֵייל מִיר. עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זֶע אַז דִי גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ זָאל זַיין צַייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

שִׁיק שׁוֹין דִי גֶעלְט פַאר חוֹדֶשׁ טֵבֵת פַאר דִי מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ. דֶער מְנַהֵל פוּן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יִצְחָק נֵרוֹ יָאִיר, הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר דַארְף 39,863 פַאר חוֹדֶשׁ טֵבֵת. בִּיטֶע פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט אִים און שִׁיק אִים דִי גַאנְצֶע סְכוּם פוּן דִי גֶעלְט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר פְרִיעֶר גֶעשִׁיקְט.

זֶע אַז דִי גֶעלְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל זַיין צַייטְלִיךְ, ווייל זֵיי זֶענֶען מֶער אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דִי גֶעלְט וִוי דָא אִין אַמֶעריקֶע; דָארְט אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׁטָאטִישֶׁע הִילְף, דָארְט דַארְפְן דִי מְלַמְדִים און דִי לֶערֶערִינְס דָאס הָאבְּן פַאר פָּשׁוּט בְּרוֹיט און מִילְךְ פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

אַשְׁרֵינוּ אַז אוּנְזֶער פְלָאג און מִיה אִיז אוֹיף מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, אוֹיפְצִיעֶן אַ דוֹר שֶׁכֻּלוֹ זַכַּאי, אַ דוֹר מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי״ם וָואס אִיז מְסוּגָל צוּ מְתַקֵן

זַיין פְּגַם הַבְּרִית. דארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, זֵיי זָאלְן וויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, זֵיי לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען בָּאדְט זִיךְ, וִוי אַזוֹי מֶען נֶעמְט אַ שׁוּיעֶר אוּן וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין בֵּית הַכִּסֵּא; דָאס אַלֶעס דַארְפְן עֶלְטֶערְן אוֹיסְלֶערְנֶען, אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן.

אוֹיךְ דַארְף מֶען אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוֹיבּ אֵיינֶער, אַ פְרֶעמְדֶער, אַ קִינְד, אַ בָּחוּר, אָדֶער עֶלְטֶערֶע - וִויל אָנְרִירְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָדֶער וִויל מֶען זָאל אִים אָנְרִירְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; מֶען זָאל וִויסְן וִוי צוּ זַיין בַּאשִׁיצְט, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן, מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן אוּן דֶערְצֵיילְן.

זִיכֶער דִי טֶעכְטֶער דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען צְנִיעוּת, זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיטְן קֶערְפֶּער, מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה): "'וְיִשְׁמְרֶךָ' בְּבָנוֹת", אַ מֵיידְל דַארְף אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא אַסַאךְ פְּרִיצוּת, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְזָאגְן זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנֻוָּולִים אוּן מַשְׁחִיתִים.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה דַארְף דָאס זַיין בִּנְיחוּתָא, נִישְׁט מִיט אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע שְׁרֶעק, נָאר קְלָאר, שְׁטַארְק אוּן שְׁטְרֶענְג; מֶען דַארְף זַיין אֵיידְל, מֶען דַארְף זַיין עֶרְלִיךְ, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁפִּילְן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, מֶען דַארְף הִיטְן דִי אוֹיגְן, מֶען דַארְף הִיטְן דֶעם דִיבּוּר וְכוּ' וְכוּ'.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זַיין אַ גוּטֶע שְׁטְרֶענְגֶע טַאטֶע, אַ נֵיין זָאל זַיין אַ נֵיין, אוּן אַ יָא זָאל זַיין אַ יָא; זַיי נִישְׁט קַיין שְׁוַואכְלִינְג אוּן פוֹיל, לָאז זִיךְ נִישְׁט פִירְן פוּן דִי קִינְדֶער. מִיר וואוֹינֶען אִין אַמֶערִיקֶע אָבֶּער מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין אַמֶערִיקַאנֶער, מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר טוּעֶן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאל זֵיי לֶערְנֶען צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, מַאכְן בְּרָכוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ קוּרְצֶע קְלֵיינֶע קַאפִּיטְל בְּרֶענְגְט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע נִסִּים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיר קֶענְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

זַייט זִיךְ מְקַבֵּל צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג "מִזְמוֹר לְתוֹדָה... כִּי טוֹב הַשֵּׁם לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אוֹיף אֵייבִּיג אִיז זַיין חֶסֶד; דָאס דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענְגֶען נָאךְ יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

עֶס אִיז דָא נָאךְ סְגוּלוֹת, צוּ זָאגְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי שִׁיר הַשִּׁירִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן פט): "עַל יְדֵי שִׁיר הַשִּׁירִים נִמְתָּקִים הַדִּין", דוּרְךְ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים וֶוערְט זִיס אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמג): "כָּל הָרְפוּאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם", אַלֶע רְפוּאוֹת פוּן דִי וֶועלְט, "כּוּלָם כְּלוּלִים בְּשִׁיר הַשִּׁירִים", אַלֶעס לִיגְט אִין שִׁיר הַשִּׁירִים; אַז אִיר הָאט צַייט - מַה טוֹב וּמַה נָּעִים, אָבֶּער אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, אַ פַארְנוּמֶענֶע מַאמֶע מִיט פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער - קֶען נִיצְן דִי סְגוּלָה פוּן זָאגְן מִזְמוֹר לְתוֹדָה, אַ קוּרְצֶע קְלֵיינֶע קַאפִּיטְל פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים, יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת.

וַוארְפְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ טָאר נִישְׁט זַיין דִי זַאכְן, אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ דַארְף זַיין נָאר שִׂמְחָה, זִינְגֶען, טַאנְצְן, פַּאטְשְׁן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט פַאר בֵּיידֶע פוּן עֶנְק, אִיר אוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ.

...

## וָואס נֶעמְט אַ נְשָׁמָה מִיט פוּן דִי וֶועלְט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר דִי מוֹסָד אוּן פַאר דִי קְהִילָה, אַ מֶענְטְש לֶעבְּט זִיךְ אָפּ אַפָאר יָאר, מֶען פְּלָאגְט זִיךְ, מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ, בִּיז עֶס קוּמְט דִי צַייט, מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ נְשָׁמָה נֶעמְט נִישְׁט מִיט גָארְנִישְׁט פוּן דִי וֶועלְט, נָאר דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, דִי זְכוּתִים, דִי גְּמִילוּת חֲסָדִים, דָאס בּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט, מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, מְגַדֵּל זַיין עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

אוֹיךְ אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַזוֹי טַייעֶר, עֶר הֶעלְפְט אַזוֹי דִי מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה, אַשְׁרֵיכֶם וְאַשְׁרֵי חֶלְקְכֶם.

...

## נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, בַּיים דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער בַּאלִיבְּטֶער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר אוּן צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דַיין לֶערְנֶען אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

נֶעם זִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען מִתְּחִלָּתוֹ וְעַד סוֹפוֹ. בִּפְרָט בַּיי חֲזָרַת הַשַּׁ״ץ, בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, צוּ אוֹיסְהֶערְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָוארְט בַּיי וָוארְט, נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען. בִּיסְט דָאךְ גֶעוָוארְן אַ שׁוֹחֵט, אַ שׁוֹחֵט דַארְף זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אַז דוּ וֶועסְט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶונֶען, אָדֶער אֲפִילוּ לֶערְנֶען וְכוּ׳, וֶוער וויל עֶסְן פוּן אַ שׁוֹחֵט אָן יִרְאַת שָׁמַיִם...?

זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם, יְהִיֶ׳ מִי שֶׁיִּהְיֶ׳, אֲפִילוּ חֲבֵרִים, עַסְקָנִים, גַּבָּאִים; דוּ קוּק אַרַיין אִין סִידוּר אוּן דַאוֶוען. בֶּעט פַאר דִיר,

פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, אַלֶע זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט דִי תּוֹרָה, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

גֶעבּ אַ גְרוּס אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיךְ פַאר דַיין ... נֵרוֹ יָאִיר.

...

## לְכָבוֹד שׁוֹבָבִי"ם, גֶעבּ אַ קוּשׁ דִי מְזוּזָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גוּטֶע קַבָּלָה לְכָבוֹד שׁוֹבָבִי"ם; וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ טִיר מִיט אַ מְזוּזָה - צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ אוּן זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן מֶען זָאל אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אוּן דַאנְקֶען וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וואוּ עֶר גֵייט יֶעצְט? וָואס וֶועט פַּאסִירְן? מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה.

דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ד), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם", אוּן דָאס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", דִי עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טוּעֶן אִים הַרְגְ'עֶנֶען; מֶען וֶוערְט זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, בִּפְרַט דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן מַאכְט דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן נ): "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ', דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר בֶּעט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אוּן וָואס דוּ גֵייסְט נָאכְאַלְץ אַרִיבֶּער, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל, שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶעס; וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער, וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן לֶעבֶּעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן דִי מְנַהֵל אוֹיף דִיר, אַז דוּ לֶערְנְסְט שֵׁיין אוּן דוּ דַאוֶונְסְט שֵׁיין; אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פַאר דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דִיר.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל אִין דֶעם לִיגְט דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען פְרֵייט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן - אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

שִׁיק אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֵייכֶערְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דֶער מַשְׁגִּיחַ ר׳ בֶּערִישׁ קְרוֹיס נֵרוֹ יָאִיר אַז עֶנְק פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶנְק גֵייעֶן שְׁלָאפְן צֵייטְלִיךְ, אוּן בְּעִיקָר אַז עֶנְקֶער שְׁטוּבּ אִיז זוֹיבֶּער. אִיךְ גֶעדֶענְק מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן בַּיי אִים אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען קֶען זֶען דִי יִרְאַת שָׁמַיִם לוֹיט דִי רֵיינְקַייט; אַז דִי בֶּעט אִיז רֵיין - אִיז דִי קָאפּ רֵיין, אַז דִי צִימֶער אִיז רֵיין - אִיז דִי הַארְץ רֵיין.

רֵייכֶערְט נִישְׁט; אַ שָׁאד אַז וֶוען מֶען אִיז יוּנְג, מֶען הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד, הוֹיבְּט מֶען אָן רֵייכֶערְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען זֶעט שׁוֹין אַיין וִוי עֶקְלְדִיג אוּן וִוי נִישְׁט שֵׂכְל׳דִיג עֶס אִיז, אִיז מֶען שׁוֹין צוּגֶעבִּינְדְן, אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער אָפְּצוּלָאזְן; הוֹיבְּט נִישְׁט אָן מִיט דֶעם.

זַיי שְׁטַארְק מִיט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי קִינְדֶער מוּזְן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט הַאלְטְן טַייעֶר דַיינֶע קִינְדֶער׳ס לֶערְנֶען, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ.

אִיךְ וֵוייס אַז דַיין שְׁטוּבּ אִיז לְמַעְלָה מִן הַזְּמַן, עֶס אִיז בֵּיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, ה): ״יְהִי בֵיתְךָ פָּתוּחַ לִרְוָחָה, וְיִהְיוּ עֲנִיִּים בְּנֵי בֵיתֶךָ״, דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין בְּרֵייט אָפְן, אָבֶּער דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין בַּיי דִיר דָאס חָשׁוּבְ׳סְטֶע.

פוּן בֵית פֵיגָא זָאגְט מֶען מִיר אַז דַיין טַייעֶרע טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ' פֶּעלְט אוּן קוּמְט שְׁפֶּעט; אִין דִי יָארְן וָואס מֶען לֶערְנְט עִבְרִי אִיז דָאס קוּמֶען אִין סְקוּל קְרִיטִישׁ וויכְטִיג. בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ טוּן חֶסֶד, מִיט דַיין אֵשֶׁת חַיִל, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט מוּזְן דִי קִינְדֶער גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי מִיט אַ סֵדֶר הַיּוֹם.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב אִיז אוֹיךְ אָפְן דִי טִיר, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, דִי קְלֵיינֶע בִּיז דִי זֶעקְס שְׁלָאפְן שׁוֹין 7:00, אוּן דִי קִינְדֶער בִּיז צֶען שְׁלָאפְן שׁוֹין 9:00, אוּן דִי עֶלְטֶערֶע, אֲפִילוּ דִי בָּחוּרִים - שְׁלָאפְן שׁוֹין אַלֶע 10:00.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, דִי בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף מִיר, אִיךְ דַארְף זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

...

### אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', לֶעיקְוָואד**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן אַייךְ, אַז אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, עֶס זָאל זַיין אַ זִיסֶע שֵׁיינֶע שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט קִינְדֶער צַדִּיקִים, פַּרְנָסָה אוּן נָאר בְּרָכוֹת.

...

## דָאס בִּיסְל זִיצְן אִין יְשִׁיבָה, וֶועט דִיר הֶעלְפְן פַארְן לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ קוּמְסְט מֶער נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה; דָאס בִּיסְל וָואס מֶען קֶען זִיצְן אִין יְשִׁיבָה, בִּיז דִי חֲתוּנָה, קֶען מֶען זִיךְ אָנְזַאפְּן אַזוֹיפִיל חָכְמַת הַחַיִּים, אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַארְן לֶעבְּן.

קוּם צוּרִיק, אִיךְ וַוארְט אוֹיף דִיר, אִיךְ ווִיל דִיר אָנְטְרָאגְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, דַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן דִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן מַאכְן, אַ שָׁאד דָאס בִּיסְל צַייט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאךְ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ דָאס פַארְפַּאסְן.

אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעמַאכְט אַ גֶעשֶׁעפְט, אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אוּן דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם סִיּוּם הַשַּׁ״ס מִיט אַ וַוייבּ אוּן אַ קִינְד; אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק אִין דֶעם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן דַוְקָא.

...

## אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל מִיט גְרוֹיסֶע סְכוּמִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״א טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁטְנְס, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן מִיר הֶעלְפְן שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי כּוֹלֵל, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ הֶעלְפְן לוֹמְדֵי תּוֹרָה זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם דַארְפְן אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נָאךְ מֶער אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דֶעם עוֹל פוּן צָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט. עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צָאלְן צַייטְלִיךְ, שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט צָאלְן דִי כּוֹלֵל

אִינְגֶעלַייט; מַאךְ אַ הִתְעוֹרְרוּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בַּיי דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים, זֵיי זָאלְן הֶעלְפְן מִיט גְרוֹיסֶע סְכוּמִים, אַז אוּנְזֶער כּוֹלֵל זָאלְן הָאבְּן אַ קִיוּם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אוּנְזֶער פְלַאג אוּן מִיה - אִיז פַאר גוּטֶע זַאכְן; פַארְן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

...

### אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ שְׁמֵייכְל אִיז אָנְשְׁטֶעקִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטֶע אִיד אִיז אוֹיךְ אַ תִּיקוּן שׁוֹבְבִי"ם; מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַ אִיד, גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן. מִיט אֵיין גוּט וָוארְט, מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל - קֶען מֶען מְחַיֶ' זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; עֶס אִיז אָנְשְׁטֶעקִיג, עֶס פָּארְט אַרוּם דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל; דוּ גֶעבְּסְט אַ גוּט וָוארְט אִין שׁוּל פַאר דַיין חַבֵר, דַיין חַבֵר גֵייט אַרוֹיס, עֶר טְרֶעפְט זַיין חַבֵר אוּן גֶעבְּט אִים אוֹיךְ אַ שְׁמֵייכְל, יֶענֶער אִיז אָנְגֶעצֶעצְט, עֶר גֵייט יֶעצְט אַהֵיים אוּן עֶר וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, עֶר זָאגְט אַ גוּט מָארְגְן פַאר דִי וַוייבּ מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, זִי וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, זִי אִיז אַ טִיטְשֶׁער, זִי גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן זִי מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַלֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס, אַלֶע טִיטְשֶׁערְס גֵייעֶן יֶעצְט אַרוֹיס בַּיי הַפְסָקָה אוּן שִׁיקְן אַ שֵׁיינֶע מֶעסֶעדְזְשׁ דֶעם מַאן, דִי מֶענֶער אִינְמִיטְן אַרְבֶּעט וֵוייסְן נִישְׁט וָואס הָאט זֵיי בַּאטְרָאפְן, אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער צוּ בַּאקוּמֶען, זֵיי גֶעבְן אִיבֶּער דִי אָנְשְׁטֶעקֶענִישׁ וַוייטֶער, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן, בִּיז עֶס קוּמְט צוּרִיק צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין יֶעצְט אִינְמִיטְן טָאג אַבִּיסְל טְרוֹיעֶרִיג, קוּמְט אֵיינֶער אוּן מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס קוּמְט גָאר פוּן אִים אַלֵיין; וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם - טוּט מֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין.

וֶוער עֶס ווִיל ווִיסְן וָואס עֶר קֶען מִיר הֶעלְפְן - זָאל דָאס טוּן, גֶעבְּן אַ

שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן, בִּפְרַט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס אוֹיף זֵיי גֵייט נָאךְ מֶער אִיבֶּער, בִּבְחִינַת (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵירוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ".

מֶען זָאל זִיךְ גְרִיסְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר מִיר זָאלְן אַלֶע זַיין אֵיין מִשְׁפָּחָה, אַלֶע זָאלְן זִיךְ גְרִיסְן, אַלֶע זָאלְן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן. עֶס אִיז דָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן, מֶען קֶען דָאךְ יֶענֶעם מְחַיֶּ' מֵתִים זַיין. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג), "עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי יְסוּרִים וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן זֵיי קֶענֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס זֵיי לַיידְן. זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַאר אֵיינֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְכְדֶעם".

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כב.), רַב בְּרוֹקָא אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא עֶר זָאל אִים ווַייזְן וֶוער דָא הָאט עוֹלָם הַבָּא, הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעווִיזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן: "זֵיי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא", אִיז רַב בְּרוֹקָא צוּגֶעלָאפְן צוּ זֵיי אוּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר, וָואס טוּט אִיר?" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען בַּדְחָנִים, וֶוען מִיר זֶעעֶן מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, גֵייעֶן מִיר צוּ צוּ זֵיי אוּן מִיר מַאכְן זֵיי פְרֵיילִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע וֶוערְטְלֶעךְ, בִּיז זֵיי וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן מַאכְן שָׁלוֹם", דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ זַיין בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואַרטְן אוֹיפְן בָּאס אִין דִי פְּרָאסְטִיגֶע קֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט נֶעכְטְן גְרוֹיס צַעַר פוּן וָואס אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער לַיידְן פוּן דִי פְּרָאסְטְן בַּיים וַוארְטְן אוֹיפְן בָּאס, יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז בִּיטֶער קַאלְט אוּן דִי בָּאס דְרַייוֶוערְס קוּמֶען נִישְׁט אִין צַייט, אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוערְן פַארְפְרוֹירְן פוּן דִי פְּרָאסְטִיגֶע קֶעלְט.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּם מֶענֶעדְזְשֶער עֶר זָאל מַאכְן טְרֶעקֶערְס אוֹיפְן בָּאס, מֶען זָאל קֶענֶען אַריינְרוּפְן אוּן זֶען וֶוען אַרוֹיס צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער.

זַייט מִיר מוֹחֵל, מִיר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז זַאכְן זָאלְן זַיין גוּט. מִיר זֶענֶען אַ נֵייעֶ מוֹסָד, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט, זַאכְן נֶעמֶען אַבִּיסְל צַייט בִּיז עֶס וֶוערְט מְסוּדָר. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס צוּ קֶענֶען מַאכְן פַאר אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל, אַז מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע זַאךְ אַז דִי קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דִי בָּאס אִין דִי בִּיטֶערֶע פְרֶעסְטְן.

...

## הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קָאמְפֶּעטִישָׁאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קָאמְפֶּעטִישְׁן, קַיין אֵיין פְּרוּטָה קֶען מֶען דִיר נִישְׁט אַוועקְנֶעמֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): ״אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ״, אַ פְּרוּטָה קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן; אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין - זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן צד): ״אֵין הַבְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם״, דִי בְּרָכָה גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, ״אֶלָּא בִּשְׁבִיל כְּבוֹד אִשְׁתּוֹ״, נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּ דַיין וַוייבּ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם

נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, נִישְׁט מַאכְן וֵויינֶען, נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן; וֶועט זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אַ בְּרָכָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט זַיין בְּשִׂמְחָה, פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם סִימָן מָמוֹן, אוֹת מז): "הַשִּׂמְחָה תְּמִידִית מְסוּגָל לְהַצְלָחָה", זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז דִי סְגוּלָה פַאר סוּקְסֶעס.

...

## וָואס נֵייעֶר אוּן וָואס פְרִישֶׁער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער...**

בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז אֶפְשָׁר אַ גַאנְצֶע גְּדֻלָּה ווִי עֶלְטֶער אוּן לֶענְגֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי חֲסִידוּת וְכוּ', אָבֶּער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרוֹיסְקֵייט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין", דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט לִיבּ אַלְט, דֶער רֶבִּי ווִיל נֵיי, וָואס נֵייעֶר, וָואס פְרִישֶׁער, דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין, יֶעדֶע מִינוּט שְׁפִּירְן 'אַה מְחַיֶּ', אַ נֵייעֶ הִתְקָרְבוּת', אַ נֵייעֶ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אַ נֵייעֶ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, יֶעדֶע מִצְוָה, יֶעדֶע תְּנוּעָה'לֶע, אוּן נִישְׁט זַיין אַלְט.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט אַ נֵייעֶ הִתְקָרְבוּת, אַלֶעס נֵיי, לָאמִיר טַאנְצְן "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ, אַשְׁרֵינוּ שֶׁיֵּשׁ לָנוּ רֶבִּי וְתַלְמִידִים כָּזֶה, בְּךָ רַבֵּינוּ נָגִילָה".

...

## אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דַיין יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה, אִין שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; לֶערְנֶען אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ דַארְפְּסְט דַיין שִׁידוּךְ, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן זִין פוּן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ לַיידְסְט, דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, לֶעבְּן אַ הֵיילִיג לֶעבְּן, אַ רֵיינֶע לֶעבְּן, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, כִּי קְרוֹבָה יְשׁוּעָתְךָ לָבוֹא, אָט אָט אִיז דַיין יְשׁוּעָה.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין צוּ אִים: **"בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווַייל זַיין הֵיילִיג".**

...

## דִי צְוֵוייטֶע שְׁטִיבְּל הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מַזָּל טוֹב צוּם עֶפֶענֶען דֶעם נֵייעֶם שְׁטִיבְּל אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ, רָמָה ד.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען עֶפְנְט דִי צְוֵוייטֶע שְׁטִיבְּל הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעוָואלְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת סוֹף מַעֲשֶׂה ב, מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר): "מֶען זָאל מַאכְן אַרוּם דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט קְוָואלִין אַרוּם אוּן אַרוּם. כְּדֵי אַז אֵיינֶער וֶועט וֶועלִין אַ טְרוּנְק טוּן זָאל עֶר נִיט בַּאדַארְפְן אַוֶועק גֵיין אַ טְרוּנְק

טוּן. נָאר אִיטְלִיכֶער זָאל גִיפִינֶען אַ קְוָואל לֶעבִּין זִיךְ", מוֹהֲרָא"שׁ אִין סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן זָאגְט: "אֵלּוּ הֵם בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת", דָאס זֶענֶען שׁוּלְן; דֶער רֶבִּי וִויל מֶען זָאל עֶפֶענֶען שׁוּלְן וואו מֶען קֶען טְרִינְקֶען פוּן דִי מַיִם חַיִּים, קְוָואל וַואסֶער; אַז אַ אִיד דַארְף אַבִּיסְל חִיזּוּק - זָאל עֶר הָאבְּן וואו אַרַיינְצוּקוּמֶען.

אִיךְ זָאג עֶנְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּל אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן דִי יְשִׁיבָה, אוּן דִי מוֹסְדוֹת: "אוֹיבּ וֶועט זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ - וֶועט עֶנְק קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיס הַצְלָחָה"; דָאס זָאג אִיךְ אַייךְ אוֹיךְ, אוֹיבּ וֶועט זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זוּכְן צוּ טְרֶעטְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען וֶועט קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט שִׂמְחָה - ווֶעלְן עֶנְק זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, דִי שְׁטִיבְּל וֶועט אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ שֵׁיין אוֹיף דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט, רָמָה ד אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מְמַנֶּה זַיין גַבָּאִים פַאר דִי שְׁטִיבְּל נָאךְ שַׁבָּת.

...

## אוֹיפְבְּרֶעכְן דִי אַייז אִין הַארְץ, אוּן זִיךְ טוֹבֵל'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען אִין דִי דְרִיטֶע וָואךְ שׁוֹבָבִי"ם, דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען ווִיפִיל מֶען דַארְף פַּאסְטְן צוּ מְתַקֵּן זַיין דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחוֹת צוּ פַּאסְטְן, אוּן אוֹיךְ דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ פַּאסְטְן, אוּנְזֶער תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז קוּמֶען אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען קֶען זִיךְ טוֹבֵל'ן; דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקּוּן שׁוֹבָבִי"ם.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדוֹת פוּן הַאקְן אַייז, בְּרֶעכְן אַייז - זִיךְ צוּ

טוֹבֶל'ן; הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא דִי שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, הַיינְט אִיז דִי אַייז אִין הַארְץ, אִין קָאפּ; מֶען אִיז קַאלְט, מֶען אִיז פוֹיל, מֶען אִיז זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, אוּן אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה, אִין אַ הֵייסֶע מִקְוֶה, אֲפִילוּ וֶוען דִי הַארְץ אוּן דִי מֹחַ אִיז אַייז קַאלְט, מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אַייז - דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם.

בַּיים דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְדֶעקְן מִיטְן טַלִית אוּן זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וְוִי דוּ בִּיסְט אִין אַ לֵיידִיגֶע פֶעלְד אִין אַ וַואלְד, וַוייט אַוֶועק פוּן מֶענְטְשְׁן, דוּ הָאסְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס, זָאלְסְט גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, יֶעצְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, 'וָואס אִיז מִיט מַיינֶע אוֹיגְן?' וָואס אִיז מִיט הִיטְן דִי אוֹיגְן פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן פוּן זִיךְ מַאכְן גְּדָרִים אִין קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין וֶועג צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, וַוייל אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי אוֹיגְן.

חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה): "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵין סַרְסוּרִין דְּחַטָאָה", דָאס הַארְץ אוּן אוֹיגְן זֶענֶען דִי מֶעקְלֶער פַאר עֲבֵירוֹת, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, "אִי יְהָבַתְּ לִי לִבָּךְ וְעֵינֶיךָ", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, דַיין הַארְץ מִיט דַיינֶע אוֹיגְן - "אֲנָא יָדַע דְּאַתְּ לִי", וֵייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בַּמִּדְבָּר רַבָּה י, ב): "מָה רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל הַלֵּב וְהָעֵינַיִם

שֶׁיִּהְיוּ אַחֲרָיו״, פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מֶען זָאל הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ? ״לְפִי שֶׁהָעֲבֵרָה תְּלוּיָה בָּהֶם״, וַוייל אִין דִי אוֹיגְן אוּן הַארְץ אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דָאס טוּן עֲבֵירוֹת; ״הָעֵינַיִם רוֹאוֹת אֶת הַזּוֹנָה״, וַוייל אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, ״וְהַלֵּב מְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ״, נָאכְדֶעם גְלִיסְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט, אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶעם״.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לֶערְנֶען תּוֹרָה, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

# מהדורת גלאנשטיין

**הספר הקדוש הזה נתנדב על ידי**

מוה"ר **שלמה זלמן גלאנשטיין** הי"ו

**וזוגתו אסתר מלכה רינא** תחי'

וילדיהם

**אברהם משה, שרה דבורה, הדסה פיגא**
**מיה, תינוק הנולד**

שיחיו

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא.

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון.